בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# גְלֵייבּ אִין דִיר

אִין דֶעם קוּנְטְרֵס וֶועט אִיר לֶערְנֶען וִוי שְׁטַארְק מֶען אִיז מַצְלִיחַ אוֹיבּ מֶען פָאלְגְט אַ צַדִיק, וָואס דַאן וֶוערְט דֶער לֶעבְּן זִיס אוּן בַּא'טַעֲמְ'ט, מֶען בַּאקוּמְט אַ גוּטְן בְּלִיק אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אוּן אוֹיף אַנֶדערֶע, מֶען בַּאקוּמְט אַ גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְקֶערְט וִוי שְׁטַארְק מֶען פַארְקְרִיכְט חָלִילָה אוֹיבּ מֶען הַאלְט זִיךְ קְלוּגֶער פוּנֶעם צַדִיק.

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

לֵיל שִׁשִׁי פַּרְשַׁת נִצָבִים וַיֵּלֶךְ, תשע"ד

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָדוֹשׁ

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב -קִרְיַת יוֹאֵל יצ"ו

## היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
### וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
### בארא פארק
**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
### בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
### מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# גְלֵייבּ אִין דִיר

### א.

### וָואס אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן ?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קכג) אַז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְש דַארְף הָאבְּן אִין לֶעבְּן אִיז "אֱמוּנַת חֲכָמִים", עֶר זָאל גְלֵייבְּן אִינֶעם אֶמֶת'ן צַדִּיק אוּן פָאלְגְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הֵייסְט, נִישְׁט קֵיין נַפְקָא מִינָהּ צוּ דָאס אִיז אַ קְלֵיינֶע זַאךְ אָדֶער אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, צוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט עֶס יָא אָדֶער נִישְׁט, שְׁטֶענְדִיג זָאל עֶר נָאר פָאלְגְן וָואס דֶער צַדִּיק הֵייסְט, דֶעם אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל זָאל עֶר אִינְגַאנְצְן לֵייגְן אִין דֶער זַייט, וִוי לְמָשָׁל אַז עֶר הָאט נִישְׁט

קֵיין אֵייגֶענֶעם מֵיינוּנְג נָאר וָואס דֶער צַדִּיק זָאגְט, דָאס וֵוייסְט עֶר אוּן דָאס טוּט עֶר; דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר הָאבְּן אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן, עֶר וֶועט ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין בַּיי יֶעדֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן, עֶר וֶועט גֵיין אוֹיף אַ גְרָאדְן אוּן זִיכֶערְן וֶועג, אוּן נִישְׁט פַּארְקְרִיכְן אוֹיף רֶעכְטְס אָדֶער אוֹיף לִינְקְס (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סא), אוּן ווִי נָאר אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּ דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה אִין דִי אֱמֶת'ע צַדִּיקִים קֶען אִים שׁוֹין קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, צוּבְּרֶעכְן קֶען מֶען נָאר אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנַת חֲכָמִים, אָבֶער וֶוער עֶס הָאט דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנַת חֲכָמִים אִיז עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט זִיךְ אוּן קֵיינֶער קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּהן.

## אַלֶעס יָא - נָאר נִישְׁט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה

אוּן ווִיבַּאלְד בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִקָּר אֱמוּנַת חֲכָמִים, וֶועלְן מִיר רֶעדְן פוּן צְוֵויי זַאכְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אָבֶער דֶער סַמֶ"ךְ-מֶ"ם

פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף דֶעם מֶער פוּן אַלֶעם נִישְׁט אוֹיסְצוּפָאלְגְן, אוּן דִי צְוֵויי זַאכְן זֶענֶען "תּוֹרָה" אוּן "תְּפִלָּה".

## רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

מִיר וֶועלְן אָנְהֵייבְּן מִיט "תְּפִלָּה", מִיר אַלֶע וֵוייסְן אַז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנד): פַארְוָואס אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ זַיין זַאךְ, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶועזְן אַזוֹי וִוי אַ פְּרָאסְטַאק, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער פְּרָאסְט אוּן פָּשׁוּט אוֹיף אִידִישׁ, שְׁטֶענְדִיג הָאט עֶר נָאר גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער.

אוֹיף דֶעם וֶועג הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פִירְן וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶועזְן אַ קְלֵיין קִינְד, שׁוֹין דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער עֶס אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען אַזוֹי

גְרִינְג, פַארְקֶערְט עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, אוּן מֶען הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס פוּן הִימְל, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַז עֶר בֶּעט שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל אַז עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן דָאךְ גֵייט עֶס אִים נִישְׁט, עֶר פִילְט נָאכְנִישְׁט קֵיין שׁוּם נָאנְטְקַייט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, אוּן נִישְׁט גֶערֶעדְט מֶער אַזוֹי סַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אָבֶּער גְלַייךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז זִיכֶער יָא דָא, אוּן עֶר הֶערְט מִיךְ זִיכֶער צוּ, אָבֶּער נָאכְדֶעם אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעוָוארְן צוּבְּרָאכְן, אוּן גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ: וֶוער וֵוייסְט צוּ מֶען דַארְף מִיךְ הָאבְּן? אוּן צוּ דֶער בַּאשֶׁעפֶער קֶערְט בִּכְלַל אוֹיף מִיר? אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ ווִידֶער מְחַזֵק גֶעוֶוען אִין דִי אֱמוּנָה, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז זִיכֶער דָא, אוּן עֶר הֶערְט זִיכֶער אוֹיס יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע תְּפִלָה וָואס אִיךְ בֶּעהט אִים, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג גֶעהַאט אָן אַ שִׁיעוּר נְפִילוֹת אוּן יְרִידוֹת, נָאר עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג אָנְגֶעפַאנְגֶען פוּן נֵיי, אַז פוּן

יֶעצְט וֶועל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִין אֵיין טָאג אַלֵיין הָאט עֶר זִיךְ בַּאנַייט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל מִיט אַ פְרִישְׁקַייט, אַז פוּן יֶעצְט וֶועט עֶר אָנְהֵייבְּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן יֶעצְט וֶועט עֶר אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער (עַיֵּן שִׁבְחֵי הָרַ"ן בְּסִימָנִים הָרִאשׁוֹנִים).

## ווילְסְט לֶערְנֶען? אִיז אוֹיךְ נָאר דִי עֵצָה - תְּפִלָּה!

אוּן וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיךְ גֶעהַאט מוֹרָא'דִיגֶע שְׁוֶועריִקַייטְן, וַוייל אִין אָנְפַאנְג הָאט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, אַז עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת הָאט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען אֲפִילוּ פָּשׁוּט פְּשַׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דָאס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבַּאדֶערְט, אָבֶּער דָאס הָאט אִים נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פוּן לֶערְנֶען, נָאר שְׁטֶענְדִיג הָאט עֶר זִיךְ בַּאנוּצְט מִיט דִי עֵצָה פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל אִים

לֶעכְטִיג מַאכְן דִי אוֹיגְן, אַז עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פַארְשְׁטֵיין מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען מִיט יֶעדְן אֵיינְצִיגְן סֵפֶר וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט לֶערְנֶען, וְוִי תַּנַ"ךְ, גְמָרָא, זוֹהַר, תִּקוּנִים, כִּתְבֵי הָאֲרִ"י, אִין קֵיין אֵיין סֵפֶר הָאט עֶר אִין אָנְהֵייבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶס שְׁטֵייט דָארְט, בִּיז עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אִים גֶעעֶפֶענְט דֶעם קָאפּ צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶס שְׁטֵייט דָארְט.

אָבֶער אֲפִילוּ עֶס אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען אִין אָנְהוֹיבּ אַזוֹי שְׁוֶוער יֶעדֶע זַאךְ, דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן זִיךְ נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט צוּלִיבּ דֶעם, עֶר הָאט בַּיי זִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל, אַז וָואס עֶר זָאל נָאר נִישְׁט זַיין גֵייט עֶר וַוייטֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט, בִּפְרַט צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג, נָאךְ

אַלְץ אִינְגְל הָאט עֶר צַאמְגֶעלֶערְנְט אוֹיסְטֶערְלִיש אַסַאךְ גְּמָרָא, פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ, עֵיַן יַעֲקֹב, זֹהַר, תִּקּוּנֵי זֹהַר, אוּן אַלֶע מוּסָר סְפָרִים וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי זַיין טַאטְן אִין שְׁטוּבּ, בִּפְרַט רֵאשִׁית חָכְמָה הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל [עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַז עֶר הָאט דָאס גֶעלֶערְנְט פִיר הוּנְדֶערְט מָאל !] אוּן וִוי דֶער שְׁטֵייגֶער אִיז אַז וֶוען מֶען פַאנְגְט אָן צוּ לֶערְנֶען פַארְשְׁטֵייט מֶען נָאכְנִישְׁט אַלֶעס, בִּפְרַט אַ אִינְגְל פַאר דִי בַּר מִצְוָה, נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, אוּן נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט בְּשׁוּם אוֹפֶן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז בַּיי דִי צְוֶועלֶעף יָאר הָאט עֶר שׁוֹין מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶעם "סֵפֶר הַמִּדּוֹת", וָואס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע הַשָּׂגוֹת וָואס עֶר הָאט שׁוֹין דַאן מַשִּׂיג גֶעוֶוען[1].

[1] דִי אַלֶע מַרְאֶה מְקוֹמוֹת וָואס אִיז צוּגֶעצֵייכְנְט אוֹיפְן סֵפֶר הַמִּדּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי צָדוֹק הַכֹּהֵן פוּן לוּבְּלִין אוּן פוּן

## דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה - מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

און דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען שְׁטֵייט, אַוַודַאי אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶען גֵיין אַלֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער שְׁטֶערְט אִים נִישְׁט, בִּפְרַט אִין אַ פֶּעלְד אִינְדְרוֹיסְן פוּן יִשׁוּב, אוּן דָארְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

---

טְשֶׁערִינֶער רָב זְכוּתָם תָּגֵן עָלֵינוּ, אִיז דִי כַּוָונָה, אַז דֶער אוֹת פוּן סֵפֶר הַמִּדּוֹת אִיז אֶפְשַׁר אוֹיךְ מְרוּמָז אִין דִי חֲזַ״ל אָדֶער אִין דֶעם פָּסוּק, אָבֶּער דָאס אִיז אִין אֶמֶת׳ען הַשָּׂגוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן, וָואס עֶר הָאט שׁוֹין אַלְץ אִינְגְל פוּן צְוֶועלֶעף יָאר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, וֶוער רֶעדְט נָאךְ נָאכְדֶעם בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אוֹיף זִיךְ אַזֶעלֶעכֶע שְׁבָחִים, אַז אֲפִילוּ זַיין גְרוֹיסֶער פֶעטֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ בָּרוּךְ פוּן מֶעזִיבּוּשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְנֶעמֶען (עַיֵּין פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק אוֹת תעח).

אָבֶער מֶען דַארְף וויסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אִיבֶּעְרָאל, און מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אִים, מֶען דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן נָאר צוּ גֵיין אִין פֶעלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער וַוארְטְן צוּ קֶענֶען אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אַרוֹיסְפָּארְן מִיט אַ חֲבוּרָה, דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, דֶערְנָאךְ כַאפְּן אַ טֶענְצְל וְכוּ', און מִיט דֶעם אִיז גֶעעֶנְדִיגְט בִּיזְן קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט פוּן אוּנְז גֶעוָואלְט גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: אִיךְ וִויל אַז אִיר זָאלְט זַיין אַזוֹי וִוי דִי חַיוֹת אִין וַואלְד וָואס זֵיי בְּרוּמֶען שְׁטֶענְדִיג, אַזוֹי זָאלְט אִיר שְׁטֶענְדִיג בְּרוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בֶּענְקֶענִישׁ! וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא, מַאכְט בַּיי אִים נִישְׁט אוֹיס וואוּ עֶר אִיז, עֶס אִיז אִים נִישְׁט קֵיין שׁוּם חִילוּק צוּ עֶר אִיז אִינְדֶערְהֵיים צוּ עֶר אִיז אוֹיפְן גַאס, וואוּ עֶר זָאל נָאר זַיין רֶעדְט עֶר צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אֲפִילוּ וֶוען עֶר גֵייט אִין אַ סְטָאר עֶפֶּעס אַיינְקוֹיפְן, זָאגְט עֶר קוֹדֶם שְׁטִילֶערְהֵייט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל

עוֹלָם״... דֶערְנָאךְ פִּירְט עֶר אוֹיס, ״אֶפְשָׁר גֶעבְּט אִיר מִיר אַ בָּאטְל מִילְך אוּן אַ בְּרוֹיט״! אָדֶער עֶר גֶעט אַ קְרֶעכְץ הוֹיעֶךְ: ״אוֹי, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם״... אוּן דֶערְנָאךְ בֶּעט עֶר דֶעם אֵייגֶענְטוּמֶער וָואס עֶר דַארְף; דָאס מֵיינְט אַז דִי אֱמוּנָה אִיז שׁוֹין גַאנְץ, אַז מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער יֶעדֶע זַאךְ אוּן אוֹיף יֶעדְן פְּלַאץ, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין הֶעכֶערֶע מַדְרֵגָה פוּן דֶעם, אָבֶער צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אָן קֵיין חָכְמוֹת, זִיךְ נֶעמֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף אִידִישׁ, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, ווארויל אִיז דֶעם וָואס אִיז דָאס מְקַיֵים פָּשׁוּט אוּן פְּרָאסְט וֶועט אִים גוּט זַיין נָאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן זִיכֶער אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

## ב.

## דוּ הָאסְט אוֹיף אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה

די זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט "לִימּוּד הַתּוֹרָה", וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה, אוּן עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), וְוי אַזוֹי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אָן אַ אוֹיסְנַאם קֶען מַצְלִיחַ זַיין צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן דוּרְכְגֵיין צוּבִּיסְלֶעךְ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען מֶער וְוי זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אִין אַ רֵייעֶ, דָאס וֶועט שׁוֹין נָאכְדֶעם סַיי וְוי בְּרֶענְגֶען אַז מֶען זָאל פַארְשְׁטֵיין, אוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט אוֹיף דֶעם וֶועג, אַז עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפּ, נָאר שְׁטֶענְדִיג לֶערְנְט עֶר שְׁנֶעל וַוייטֶער אִין אַ רֵייעֶ, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, אַזַא מֶענְטְשׁ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן

דִי תּוֹרָה, אוֹיךְ וֶועט עֶר דוּרְכְדֶעם אָנְיָאגְן צוּ קֶענֶען דוּרְכְגֵיין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אַסַאךְ מָאל.

## אַ מֶעדֶעצִין אַקֶעגְן דֶעם סַמֶ"ךְ-מֶ"ם

אָבֶּער דֶער סַמֶ"ךְ-מֶ"ם הָאט זַייעֶר מוֹרָא פוּן דֶעם, אַלֶעס וֶועט עֶר לָאזְן טוּהן נָאר נִישְׁט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי סִבָּה דֶערְפוּן אִיז זַייעֶר פָּשׁוּט, וַוייל אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה הָאט שׁוֹין דֶער יֵצֶר הָרַע נִישְׁט קֵיין שְׁלִיטָה אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט בְּפֵרוּשׁ (קִידוּשִׁין דַף ל' ע"ב): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דִי תּוֹרָה פַאר אַ מֶעדֶעצִין אַקֶעגְן אִים! קוּמְט אוֹיס אַז דֶער זֶעלְבֶּער בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם בְּרֶענֶעדִיגְן יֵצֶר הָרַע וָואס צִיהט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע גֶעדַאנְקֶן פוּן נִאוּף אוּן דָאס גְלַייכְן, דֶער זֶעלְבֶּער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זָאגְט: אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ בַּאשַׁאפְן אַ מֶעדֶעצִין אַקֶעגְן דִי מַכָּה, אוּן דִי מֶעדֶעצִין אִיז אוֹיסְדְרִיקְלִיךְ נָאר דִי

הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אוּן אַוַדַאי קֶענֶען מִיר נִישְׁט זַיין קְלוּגֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

אוּן אוֹיבּ וֶועט אַ מֶענְטְשׁ פְרֶעגְן: פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי מַכֶּה, אַז עֶס זָאל זַיין אַזֶעלֶעכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע נִסְיוֹנוֹת מִיט אַזֶעלֶעכֶע יְרִידוֹת אוּן נְפִילוֹת, פַארְוָואס פֶעלְט בִּכְלַל אוֹיס דֶער יֵצֶר הָרַע? ! דֶער תֵּירוּץ אִיז פָּשׁוּט, וַוייל אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין דִי אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, וָואלְט דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין בְּחִירָה, אוּן מִיר וָואלְטְן אַלֶע גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי מַלְאָכִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט קֵיין בְּחִירָה, אוּן זֵיי פִירְן שְׁטֶענְדִיג אוֹיס דִי שְׁלִיחוּת פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער דֶער תַּכְלִית פוּן אַ אִיד וָואס אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז, אַז עֶר זָאל זַיין הֶעכֶער פוּן אַ מַלְאָךְ, נִישְׁט נָאר סְתָּם הֶעכֶער פוּן אַ מַלְאָךְ, נָאר אַז דִי מַלְאָכִים זָאלְן דַארְפְן פוּן אִים קוּמֶען פְרֶעגְן, וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין הִימְל (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן א). וֶועגְן דֶעם פְּרָאבִּירְט מֶען גוּט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דֶער עִקַּר דַארְף עֶר זִיךְ קֶענֶען

דֶערְהַאלְטְן, אוּן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן גָארְנִישְׁט, אוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ אִין דִי וֶועלְט זָאל אִים נִישְׁט רִירְן.

אָבֶּער צוּ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם אִיז נָאר דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, וֶועגְן דֶעם פַארְלֵייגְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק דֶער סַמֶ"ךְ־מֶ"ם אוֹיף לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן דַוְקָא אוֹיף דִי שִׂיחָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו) וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען, טְרֶעפְט מֶען אַלֶע מִינֵי תִּירוּצִים זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן דֶערְפוּן, צוּם בַּיישְׁפִּיל: נִישְׁט דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעמֵיינְט! נִישְׁט דָאס אִיז דֶער פְּשַׁט! בְּשַׁעַת דָאס אִיז אַ קְלָארֶע שִׂיחָה אוּן עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שַׁיָיךְ זִיךְ צוּ טַעֲנֶה'ן אוֹיף דֶעם, וֶוער עֶס וִויל זָאל דָאס פַאר זִיךְ לֶערְנֶען אוּן אִיבֶּערטַייטְשְׁן אוֹיף וֶועלֶעכֶע שְׁפְּרַאךְ עֶר וִויל... וֶועט עֶר זִיךְ אִיבֶּערְצַייגְן אִין דִי אֱמֶת פוּן דִי וֶוערְטֶער, אוּן זֶעהן קְלָאר וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט זָאל מַצְלִיחַ זַיין צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה, אוּן עֶר הָאט אוּנְז גֶעוִויזְן דֶעם

וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, און אוֹיבּ פָּאלְגְט מֶען דָאס נִישְׁט, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען שְׁפֶּעט אָפּ דֶערְפוּן, אִיז דָאס פָּשׁוּט אַ פְּגַם אִין אֱמוּנַת חֲכָמִים.

## מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ דַאנְק דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן אַלְץ יוּנְג בָּחוּר, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט קֵיין אֵיין בְּרֶסְלְבֶער חָסִיד, מְמֵילָא הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט וֶוער עֶס זָאל מִיר זָאגְן, וָואס אִיז יָא דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ און וָואס אִיז נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעווּאוּסְט וָואס עֶס שְׁטֵייט אִינֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, און דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר אַסַאךְ, און וִויבַּאלְד אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעדַארְפְט הִתְחַזְקוּת, הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל דֶעם סֵפֶר שִׁבְחֵי הָרַ״ן [טוֹיזֶענְט מָאל אִיז נָאךְ זֵייעֶר וֵויינִיג גֶעזָאגְט... אֵיין טָאג אַלֵיין הָאבּ אִיךְ עֶס גֶעלֶערְנְט כָּאטְשִׁיג דְרֵיי פִּיר מָאל], דָארְט וואוּ עֶס שְׁטֵייט וִוי אַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען,

דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מוֹרָא׳דִיגֶע הִתְחַזְּקוּת צוּ קֶענֶען רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אַז קֵיינֶער הֶערְט מִיר נִישְׁט אוֹיס, אוֹיךְ הָאט עֶס מִיר גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטִיקְל בְּלִיק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַלְץ צַאמְגֶעלֶערְנְט, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ מוֹרָא׳דִיגֶער שְׁטוּפּ, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן וִוי אַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט דִי זֶעלְבֶּע חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ פוּן גָארְנִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט נָאר וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען, אוּן דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען דִי גְרֶעסְטֶע הִתְחַזְּקוּת.

בְּאֱמֶת גֵייט דוּרְך אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין דֶער וֶועלְט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, יֶעדְן פְּרָאבִּירְט מֶען אוֹיס אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וֶועג, אוּן וָואס שְׁוֶוערֶער עֶס אִיז דִי נִסָּיוֹן, אִיז אַ סִימָן אַז מֶען הָאט אַ גְרֶעסֶערֶע שֵׂכֶל, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן עז): וָואס מֶער שֵׂכֶל אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אַלְץ שְׁוֶוערֶערֶע נִסְיוֹנוֹת הָאט עֶר! שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת א, יח): יוֹסִיף דַּעַת יוֹסִיף מַכְאוֹב –

הָאסְט מֶער שֵׂכֶל הָאסְטוּ מֶער וֵוייטָאגְן. אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, וֶועט עֶר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְפַאלְן.

## ג.

### וַיַּאֲמִינוּ בַּה׳ וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ

כְּדֵי צוּ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אִיז אֵייגֶענְטְלִיךְ אַזוֹי וִויכְטִיג צוּ הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, דֶער עִקָר אִיז דָאךְ צוּ גְלַייבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער? ! נָאר אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת יד, לא): וַיַּאֲמִינוּ בַּה׳ וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ; פְרֶעגְן חֲזַ״ל (מְכִילְתָא בְּשַׁלַּח, ו): אוֹיבּ דִי אִידְן הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִין מֹשֶׁה אִיז דָאךְ אַוַודַאי אַז זֵיי הָאבְּן גֶעגְלֵייבְּט אִין בַּאשֶׁעפֶער? נָאר פוּן דָא לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַז מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר דוּרְכְן אֶמֶתְ׳ן צַדִיק! וַוייל צוּ וִויסְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל, אוּן קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, מוּז מֶען צוּקוּמֶען צוּם צַדִיק, אָן דֶעם צַדִיק פַארְקְרִיכְט מֶען, אוּן

צוּבִּיסְלֶעךְ פַּאלְט מֶען אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז מֶען קוּמְט רַחֲמָנָא לִצְלָן צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת.

דָאס זֶעעֶן מִיר וֶוען דִי עֵרֶב רַב הָאבְּן אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט דִי אִידְן צוּ מַאכְן דֶעם עֵגֶל, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט פַאר אַהֲרֹן (שְׁמוֹת לב, א): מַאךְ אוּנְז אַן עֵגֶל, וַוייל מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וָואס אִיז גֶעשֶׁעהן צוּ דֶער מֶענְטְשׁ מֹשֶׁה וָואס הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם. גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן! מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז דָאךְ דֶער גֶעטְרַייעֶר מַנְהִיג פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִי אִידְן אַלֶע יָארְן, אוּן פְּלוּצְלִינְג רוּפְט מֶען אִים אָן "הָאִישׁ מֹשֶׁה" עֶפֶּעס אַ פָּשׁוּטֶער מֶענְטְשׁ מֹשֶׁה?!

אֶמֶת טַאקֶע זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט אִינְגַאנְצְן לֵייקֶענֶען אִין מֹשֶׁה, וַוייל חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ל"ה ע"א, וְעַיֵין בְּרַשִׁ"י בַּמִדְבָּר יג, כז), בַּיי יֶעדֶע שֶׁקֶר מוּז מֶען אוֹיךְ זָאגְן עֶפֶּעס אֶמֶת, כְּדֵי מֶען זָאל עֶס וֶועלְן אָנְנֶעמֶען; אֵיין שְׁטִיק לִיגֶענְט וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין, לְמָשָׁל אַז אֵיינֶער וֶועט קוּמֶען זָאגְן

בַּיינַאכְט - אַז עֶס אִיז טָאג, וֶועט מֶען אִים אָנְקוּקְן וִוי אַ שׁוֹטֶה, דֶערְפַאר מוּז עֶר דְרֵייעֶן אוּן זָאגְן אַבִּיסְל אֱמֶת: נֵיין! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז עֶס אִיז טַאקֶע בַּייטָאג, נָאר אַז דִי לְבָנָה שַׁיינְט אַזוֹי שְׁטַארְק אַז עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי טָאג... דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ הָאבְּן דִי אִידְן גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אַז מֹשֶׁה הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, וַוייל דָאס אִיז אַזַאךְ וָואס דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט הָאט גֶעזֶעהן, אוּן מֶען הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט לֵייקֶענֶען, נָאר וָואס הָאבְּן זֵיי יָא גֶעזָאגְט? אַז מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וָואס עֶס אִיז מִיט אִים גֶעשֶׁעהן...!

בֶּאֱמֶת פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע רֶגַע וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעבֶּעטְן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עֶר זָאל גֵיין מְחַזֵק זַיין דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם אוּן זֵיי אוֹיסְלֵייזְן, הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, וַוייל עֶר הָאט גוּט גֶעוואוּסְט אַז צוּ הָאבְּן צוּטוּהן מִיט מֶענְטְשְׁן אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ (עַיֵּין פְּסִיקְתָּא דְרַב כַּהֲנָא טז, אוֹת ד; יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי, יְשַׁעְיָה פֶּרֶק מ, רֶמֶז תמג), קוֹדֶם מוּז מֶען

זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער, אוֹיסְהֶערְן יֶעדֶענְס שְׁמוּץ רַחֲמָנָא לִצְלָן, בִּיז מֶען וַואשְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיינֶע שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, אוּן מֶען טוּט אִים אָן מִיט נַייעֶ קְלֵיידֶער, בִּיז מֶען בְּרֶענְגְט אִים שׁוֹין צוּ אַז עֶר זָאל אוֹיךְ הָאבְּן חֵשֶׁק צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר זָאל אוֹיךְ הָאבְּן חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, דִי אַלֶע זַאכְן קוּמְט נִישְׁט אָן אַזוֹי גְרִינְג, אוּן נָאךְ אַלֶעם דַארְף מֶען זַיין צוּגֶעגְרֵייט אַז דִי אֵייגֶענֶע מֶענְטְשְׁן פַאר וֶועם מֶען הָאט זִיךְ אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן, וֶועלְן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן אוֹיף אִים כָּל דָבָר אָסוּר, אַזוֹי וְוִי מִיר זֶעעֶן אַז אֲפִילוּ משֶׁה רַבֵּינוּ הָאבְּן דִי אִידְן חוֹשֵׁד גֶעוֶועְן מִיט אֵשֶׁת אִישׁ, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט דֶערְפוּן שְׁרֶעקְלִיכֶע בוּשׁוֹת (עַיֵּן תַּרְגוּם יוֹנָתָן בַּמִּדְבָּר טז, ד).

## אָן דֶעם צַדִיק וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת

קוּמְט אוֹיס אַז דֶער עִקַר פְּגַם פוּנֶעם עֵגֶל אִיז גֶעוֶוען אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, דוּרְכְדֶעם הָאט מֶען נָאכְדֶעם עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת פוּן

עֲבוֹדָה זָרָה, גִילוּי עֲרָיוֹת אוּן שְׁפִיכַת דָמִים (עַיֵן שְׁמוֹת רַבָּה מב, א).

בְּאֱמֶת אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעקֶענְט דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה, נֶעמֶען אַ פָּשׁוּטֶען בָּאק [עֵגֶל] אוּן זָאגְן אַז דָאס אִיז דֶער גָאט אוּן אִים דַארְף מֶען דִינֶען?! נָאר וִוי בַּאקַאנְט פְלֶעגְט דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: וִוי נָאר מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי אֱמוּנָה, אִיז דָאס שׁוֹין עֲבוֹדָה זָרָה! מִיט דֶעם הָאט עֶר גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים יא, טז): "וְסַרְתֶּם" - גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶערְט זִיךְ אַבִּיסְל אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים" - אִיז דָאס שׁוֹין וִוי עֶר גֵייט דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה. אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אוּן פַארְצֵיילְן אַלֶעס, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְך שְׁוֶוערֶע צַייטְן שְׁטֵייט עֶר אִין אַ

מוֹרָא׳דִיגֶער נִסָּיוֹן, צוּ עֶר וֶועט דָאס קֶענֶען אִיבֶּערְטְרָאגְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן עֶס אִיז טַאקֶע בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט מֶעגְלִיךְ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אֱמוּנָה, וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אִים, לוֹיפְט עֶר צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן רֶעדְט זִיךְ דָאס אוֹיס פַאר אִים, וָואס דַאן קֶען עֶר עֶס אַרִיבֶּערְטְרָאגְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אַז גָארְנִישְׁט זָאל אִים נִישְׁט רִירְן, אַזוֹי וַוייט אַז אֲפִילוּ פוּן שְׁטַארְבְּן הָאט עֶר שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין מוֹרָא, ווַייל וָואס קֶען דֶען זַיין? אַז עֶר וֶועט זַיין נֶענְטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער... דָאס אִיז דָאךְ זַיין גַאנְצֶע שְׁטְרֶעבוּנְג אַגַאנְץ לֶעבְּן! וֶועגְן דֶעם קֶען מֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה מִיט גָארְנִישְׁט אָפְּשְׁרֶעקְן.

אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה, אוּן עֶר הָאט דִי פְּגַם פוּן עֲבוֹדָה זָרָה, קוּמְט עֶר שׁוֹין רַחֲמָנָא לִצְלָן אוֹיךְ צוּ שְׁפִיכוּת דָמִים, אַז עֶר אִיז מְסֻגָּל צוּ גֵיין פָּשׁוּט הַרְגְ׳עֶנֶען אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, אָדֶער שֶׁענֶער גֶערֶעדְט...

צוּבְּרֶעכְן יֶענֶעם דִי בֵּיינֶער אַז עֶר גֵייט קוּים אַרוֹיס אַ לֶעבֶּעדִיגֶער, אָדֶער נָאכְמֶער אֵיידֶעלֶער... צוּ דֶערְגֵיין אֵיינֶעם דִי יָארְן בִּיז עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן; לֵיידֶער הָאט שׁוֹין נִישְׁט אֵיינְמָאל פַּאסִירְט אַזֶעלֶעכֶע מַעֲשִׂיוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶערְפַּאר דַארְף מֶען יֶעדְן גוֹי חוֹשֶׁד זַיין אוֹיף שְׁפִיכַת דָמִים, אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיחֵד זַיין מִיט קֵיין גוֹי (שׁוּלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קנג, סְעִיף ב), וְוִיבַּאלְד גוֹיִם דִינֶען נַארִישֶׁע עֲבוֹדָה זָרָה, נָאר אַ גוֹי׳אִישֶׁער קָאפּ קֶען פַּארְשְׁטֵיין אַזַא זַאךְ זִיךְ צוּ בִּיקְן אוּן זִיךְ צֵלֶמ׳ן צוּ הָאלְץ אוּן שְׁטֵיין... דֶערִיבֶּער קוּמֶען זֵיי בַּיים סוֹף צוּ שְׁפִיכַת דָמִים, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם צוּ הַרְגֶ׳עְנֶען אוּן רַצְחְ׳נֶען אַ צְוֵוייטְן.

אָבֶּער צוּ פַּארְשְׁטֵיין אַבִּיסְל מֶער וְוי אַזוֹי קֶען טַאקֶע זַיין דִי צְוֵויי קֶעגְנְזַייטִיגֶע עֶקְסְטְרֶעמֶען, אַז פוּן אֵיין זַייט זָאל מֶען זַיין פַּארְגְלֵייבְּט אִין עֲבוֹדָה זָרָה, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאל מֶען זַיין אַ הֶפְקֵר יוּנְג אוּן זַיין גְרֵייט צוּ פַּארְגִיסְן

בְּלוּט?! נָאר אֵיינְמָאל אַז עֶס אִיז דָא אִינְמִיטְן "גִילוּי עֲרָיוֹת" מֶען טוּט אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע גֶעמֵיינֶע זַאכְן, אִיז שׁוֹין נִישְׁט קֵיין קַשְׁיָא אוֹיף גָארְנִישְׁט, דָאס בְּרֶענְגְט שׁוֹין סַייווי פוּן אֵיין זַייט צוּ עֲבוֹדָה זָרָה, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט צוּ שְׁפִיכַת דָמִים. אוּן וְויבַּאלְד נָאוּף אִיז אַ תַּאֲוָה וָואס אִיז דָא בַּיי אַלֶע גוֹיִם (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לו), הָאבְּן זֵיי דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה אוּן דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה, אָפְּגֶערֶעדְט אַז נָאכְדֶעם טוּעֶן זֵיי שְׁפִיכוּת דָמִים רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן זֵיי זֶענֶען מוֹרָא'דִיגֶע רוֹצְחִים.

אוּן דָאס קֶענֶען עֵדוּת זָאגְן אַלֶע אִידְן וָואס זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דִי לַאגֶער[2], ווִי אַזוֹי דִי קַאלְט-בְּלוּטִיגֶע

[2] הַגַם עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס ווִילְן נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, כְּדֵי נִישְׁט אַרוֹיפְצוּבְּרֶענְגֶען דִי בִּיטֶערֶע קָאשְׁמַארְן פוּן יֶענֶע צַייטְן, זֶענֶען אָבֶּער דָאךְ דָא אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן כְּסֵדֶר דֶערְפוּן, אוּן אַסַאךְ וָואס הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם יָא אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶרֶע אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן אוּן מִיטְמַאכֶענִישְׁן, וָואס עֶס קוּמְט אַרוֹיס דֶערְפוּן אַ מוֹרָא'דִיגֶע

רוֹצְחִים הָאבְּן גֶע׳הַרְגֶ׳עט אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִידְן מִיט אַלֶע מִינֵי מִיתוֹת מְשׁוּנוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען פְּרוּיעֶן מִיט פִּיצְלֶעך קִינְדֶער, גֶעהַאקְט זֵייעֶר קֶעפּ אוּן צוּמָאלֶען, מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע מָאס אַכְזָרִיוּת וָואס קֶען נָאר זַיין, אוּן כָאטְשׁ אַלֶע גוֹיִם הָאבְּן גוּט גֶעוְויסְט דֶערְפוּן דָאךְ הָאבְּן זֵיי דָאס נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, פַארְקֶערְט אַלֶע פֶעלְקֶער הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן דִי רְשָׁעִים, אֲפִילוּ דִי אַמֶערִיקַאנֶער וָואס הָאבְּן פּוּנְקְטְלִיךְ גֶעוְויסְט וואוּ דִי קְרֶעמֶאטָארִיוּם׳ס גֶעפוּנֶען זִיךְ, דָאךְ הָאבְּן זֵיי דָאס נִישְׁט בָּאמְבַּאדִירְט, אִיבֶּערָאל יָא נָאר נִישְׁט אוֹישְׁוִויץ...! וֶוען דֶער אַמֶערִיקַאנֶער פְּרֶעזִידֶענְט וָואלְט דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ בַּאפֶעל צוּ אָפְּוִוישְׁן דֶעם פַארְשָׁאלְטֶענֶעם

---

תּוֹעֶלֶת, אוּן הַלְוַאי וָואלְטְן דִי אַלֶע אִידְן אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבֶּן אָדֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן וָואס זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער בַּיי דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מִלְחָמָה יָארְן, פָּשׁוּט מֶען זָאל וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶן וָואס דֶער גוֹי אִיז מְסֻגָל צוּ טוּהן.

פַאבְּרִיק וָואס הָאט רַחֲמָנָא לִצְלָן גֶעאַרְבֶּעט פִיר און צְוָואנְצִיג שָׁעָה אַ טָאג צוּ פַארְגַאזְן און פַארְבְּרֶענֶען אִידְן, וָואלְט זִיךְ דִי מַאסְן רְצִיחָה גְלַייךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער גָאוֹן און צַדִיק רֶבִּי מִיכָאֵל בֶּער וֵוייסְמַאנְדֶל זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, שְׁרַייבְּט מִיט וֵוייטָאג (בְּסִפְרוֹ מִן הַמֵּצַר), וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט בְּרִיוְון קֵיין אַמֶערִיקֶע, און זִיךְ גֶעבֶּעטְן מִיט רַחְמָנוּת אַז מֶען זָאל דָאס בָּאמְבַּאדִירְן, כָאטְשׁ דִי בַּאן שִׁינֶעס וָואס פִירְן אַהִין זָאל מֶען בָּאמְבַּאדִירְן, וַוייל דָאס אִיז גֶעגַאנְגֶען וִוי אַ שְׁוֵוייצֶער זֵייגֶער, יֶעדֶע פָּאר מִינוּט אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן אַ פְרִישֶׁער בַּאן מִיט טוֹיזֶענְטֶער אִידְן צַאמְגֶעדְרוּקְט, אַז זֵיי וָואלְטְן דָאס בָּאמְבַּאדִירְט וָואלְט דָאךְ קוֹדֶם אַלֶעס גֶעוָוארְן אָפְּגֶעהַאלְטְן, אָבֶער זֵיי הָאבְּן דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט טוּהן, אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶע'הַרְגְ'ט שְׁוֶוערֶע מִילְיָאנֶען אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִידְן, און עַד הַיּוֹם מַאכְט קֵיין אֵיין אוּמָה

נִישְׁט קֵיין רַעַשׁ דֶערְפוּן, כְּאִלוּ עֶס וָואלְט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט.

אָבֶּער וְויבַּאלְד אַ גוֹי אִיז אַ שְׁטִיק שְׁמוּץ, אִיז רְצִיחָה בַּיי אִים נִישְׁט קֵיין שׁוּם חִידוּשׁ, דָאס אִיז עֶר לֵיידֶער, אָבֶּער אַז אַ אִיד זָאל גֵיין פַארְשֶׁעמֶען אַ צְוֵוייטְן אִיד אוּן אִים פַארְגִיסְן דָאס בְּלוּט, דָאס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר אַ מִיאוּסֶ'ע זַאךְ, "וָואס ווילְסְטוּ פוּן יֶענֶעם, מִיט דִיר אַלֵיין בִּיסְטוּ שׁוֹין אִינְגַאנְצְן פֶערְטִיג"?! עֶס אִיז פַארְהַאנֶען מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוער עֶס הַאלְט נִישְׁט פוּן זֵייעֶר רֶבִּי'ן אָדֶער זֵייעֶר רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז שׁוֹין זַיין בְּלוּט הֶפְקֵר, עֶס קֶען גֵיין אֲפִילוּ בִּיז שְׁלֶעק, אֵיי עֶר מוּז דֶען עֶפֶּעס הַאלְטְן אַזוֹי וְוי דִיר?! הַיינְט הָאט מֶען שׁוֹין מֶער מוֹרָא, קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט טוּהן אַזוֹי אָפְּן קֵיין שְׁפִיכוּת דָמִים, אָבֶּער שְׁטִילֶערְהֵייט מֶען קֶען אָפְּטוּהן פַארְשִׁידֶענֶע שְׁפִּיצְלֶעךְ אַזְשׁ בִּיז שְׁפִיכַת דָמִים, וַוייל שְׁפִיכַת דָמִים מֵיינְט נִישְׁט דַוְקָא אַז מֶען זָאל שְׁטֶעכְן יֶענֶעם מִיט אַ מֶעסֶער, אַמָאל אַז מֶען שְׁטֶעכְט אֵיינֶעם מִיטְן פֶעדֶער

[פַּאשְׁקֶעוִויל] אָדֶער מִיטְן צִינְג אִיז דָאס נָאךְ עֶרְגֶער פוּן אַ מֶעסֶער, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יִרְמְיָה ט, ז): "חֵץ שָׁחוּט לְשׁוֹנָם" - מִיטְן צִינְג קֶען מֶען אֵיינֶעם שֶׁחְטְ'ן פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי מִיט אַ שְׁוֶוערְד; לְמָשָׁל מֶען לָאזְט אַרוֹיס אַ לָשׁוֹן הָרַע אוֹיף אֵיינֶעם, אַ זַאךְ וָואס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אֶמֶת, און וִוי דֶער סֵדֶר אִיז וֶוערְט שׁוֹין דִי לָשׁוֹן הָרַע אָנְגֶענוּמֶען, מִיט דֶעם הָאט מֶען יֶעצְט יֶענֶעם מַמָּשׁ גֶע'הַרְגְ'ט.

אָבֶער הֵייבְּן הֵייבְּט זִיךְ אַלֶעס אָן פוּן "גִילוּי עֲרָיוֹת", וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע און שְׁוֶוערְסְטֶע נִסָּיוֹן אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, אֵיינְמָאל אַז עֶס אִיז דָא גִילוּי עֲרָיוֹת אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא קֵיין אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, בִּיז מֶען קוּמְט רַחֲמָנָא לִצְלָן צוּ רֵייכֶערְן אוּם שַׁבָּת, אָדֶער רֶעדְן אוֹפְן טֶעלֶעפָאן אוּם שַׁבָּת, עֶסְן טְרֵיפוֹת וּנְבֵלוֹת, און מֶען רֶעדְט דָא אַפִילוּ פוּן הֵיימִישֶׁע בָּחוּרִים וָואס גֵייעֶן נָאךְ מִיט דִי שֵׁיינֶע פֵּיאוֹת... בִּיז עֶס קוּמְט שׁוֹין אוֹיךְ צוּ שְׁפִיכוּת דָמִים, און מֶען טוּט אָפּ שְׁפִּיצְלֶעך פַאר יֶענֶעם.

ד.

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט יֶעדְן אִיד עֶקְסְטֶער

וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען מִיט דִי תּוֹרָה אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהן אַז מֶען הָאט גֶעמַאכְט דֶעם עֵגֶל, אִיז עֶר נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אִין הִימְל אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, בִּיז אִינֶעם הֵיילִיגְן טָאג יוֹם כִּיפּוּר הָאט עֶר גֶע׳פּוּעלְ׳ט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מוֹחֵל גֶעוֶוען דִי אִידְן, דַאן אִיז עֶר צוּרִיק אַרָאפְּגֶעקוּמֶען מִיט דִי צְוֵוייטֶע לוּחוֹת.

זַייעֶנְדִיג אִין הִימְל הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזֶעהן וִוי חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר יֶעדֶע אִיד אִיז, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה, פַּרְשָׁה ב, ה), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: וואו דוּ זֶעסְט נָאר אַ אִיד זָאלְסְטוּ זוּכְן אַלֶע מִינֵי שְׁבָחִים אוֹיף אִים. וַוייל בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חִידוּשׁ וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ גוּף אוּן עֶר

דְרֵייט זִיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דָאס אִיז נָאךְ אַסַאךְ מֶער פוּן אַ מַלְאָךְ וָואס הָאט נָאר אַ נְשָׁמָה אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם דַאֲגוֹת.

דִי גְמָרָא פַארְצֵיילְט (שַׁבָּת פח ע״ב) אַז וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אִין הִימְל אַרָאפּ צוּ בְּרֶענְגֶען דִי עֶרְשְׁטֶע לוּחוֹת, הָאבְּן זִיךְ דִי מַלְאָכִים גֶערֵייצְט מִיט אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: ״מַה יְלוּד אִשָּׁה בֵּינֵינוּ״ – וָואס זוּכְט דָא אַ מֶענְטְשׁ צְוִוישְׁן אוּנְז?! אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּלָאזְן מֶען זָאל גֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: עֶנְטְפֶער זֵיי! אָבֶּער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מוֹרָא גֶעהַאט, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: כַאפּ דִיךְ אָן אִינֶעם כִּסֵּא הַכָּבוֹד וֶועסְטוּ זֵיי קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן אָן קֵיין מוֹרָא. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן א), דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן, אַז עֶר זָאל זִיךְ אָנְהַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת וָואס זֵיי קוּמֶען אַרוֹיס פוּן אוּנְטֶערְן כִּסֵּא הַכָּבוֹד,

דֶעמָאלְטְס דַארְף עֶר שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אֲפִילוּ פוּן קֵיין מַלְאָכִים! גְלַייךְ הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶענוּמֶען מוּסָר'ן דִי מַלְאָכִים: אִיז דֶען בַּיי אַייךְ בִּכְלַל שַׁיָיךְ דִי אַלֶע זַאכְן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה? אִיר זֶענְט דֶען גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם אוּן דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת?! אִיר הָאט דֶען בִּכְלַל אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע אַז אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ נִסָּיוֹן פוּן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע?! אִיר הָאט דֶען אַ נִסָּיוֹן פוּן הַרְגְ'נֶען אַז עֶס זָאל שַׁיָיךְ זַיין בַּיי אַייךְ "לֹא תִּרְצָח"?! אִיר הָאט דֶען אַ יֵצֶר הָרַע מִיט בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַז מֶען זָאל עֶנְק גֶעבְּן דֶעם מִצְוָה פוּן "לֹא תִנְאָף"?! עֶטְץ קֶענְטְס דֶען גַנָב'עֶנֶען?! בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אַז מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אִיז גֶערֶעכְט.

דֶעמָאלְטְס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזֶעהן וִוי יֶעדֶער אִיד אִיז אַזוֹי חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר בַּיים בַּאשֶׁעפֶער וִוי אַ בֶּן יָחִיד, דֶערְפַאר זָאגְט דִי גְמָרָא (מְנָחוֹת סה ע"א): **מֹשֶׁה אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל הָיָה** - מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט יֶעדְן אִיד. מֹשֶׁה

רַבֵּינוּ הָאט שְׁטֶענְדִיג נָאר מְשַׁבֵּחַ גֶעוֶועְן אוּן מְלַמֵד זְכוּת גֶעוֶועְן אוֹיף אִידְן, וַוייל עֶר אִיז בַּיי זִיךְ גֶעוֶועְן גָארְנִישְׁט, אוּן וֶוען אֵיינֶער אִיז בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט זֶעהט עֶר דִי חֲשִׁיבוּת פוּן יֶעדְן אִיד, אוּן עֶר אִיז זִיךְ גְרֵייט מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זַיין פַאר יֶעדְן אִיד (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עט).

## יֶעדְן אִיד קֶען מֶען דַן זַיין לְכַף זְכוּת

בְּאֶמֶת קֶען מֶען יֶעדְן אִיד דַן זַיין לְכַף זְכוּת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע דוּרְכגֵייעֶכְצֶער, זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, זַיינֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן, דֶער הֵייליגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: דָא אִיז אַ גְרוֹיסֶער וֶועלְט מִיט אַסַאךְ קְלֵיינֶע וֶועלְטֶעלֶעך! יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ גַאנְצֶע וֶועלְט פַאר זִיךְ, אִין אַ וֶועלְט אִיז דָא בֶּערְג טָאלְן אוּן וַואסֶערְן, חַיוֹת אוּן בֵּיימֶער, אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן, עֶס אִיז דָא אַ זוּן מִיט אַ לְבָנָה, שְׁטֶערְנְס מִיט פְּלַאנֶעטְן, דִי אַלֶע זַאכְן אִיז אוֹיךְ פַארְהַאנֶען בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ בַּאזוּנְדֶער, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טְרָאגְט מִיט זִיךְ מִיט אַ גַאנְצֶע לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע, וָואס פוּן דֶעם וֶוערְט אַ גַאנְצֶע

סֵפֶר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ה, א): **זֶה סֵפֶר תּוֹלְדוֹת אָדָם** - פוּן אַלֶע פַּאסִירוּנְגֶען וָואס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט דֶערְפוּן אַ גַאנְצֶע סֵפֶר אִין הִימְל; מֶען זֶעהט טַאקֶע אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ בַּאשְׁרַייבּוּנְג פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶער סֵפֶר דֶערְפוּן, נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵרוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תעג), אַז דִי מִצְוָה פוּן שְׁרַייבְּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה, מֵיינְט אוֹיךְ אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל פוּן זִיךְ שְׁרַייבְּן אַ סֵפֶר אִין דִי תּוֹרָה.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אִיד, אוֹיף יֶעדְן אִיד זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (יְשַׁעְיָה מט, ג) ״יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאֵר״; דָאס גֶעפוּנֶען מִיר אוֹיךְ אַז גְלַייךְ נָאכְן מַאכְן דֶעם עֵגֶל הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן (עַיֵּן שַׁבָּת דַּף פח ע״ב): אִיר זָאלְט וִויסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט עֶנְק נָאךְ אַלְץ לִיבּ, אִיר זֶענְט נָאךְ מוֹרָא׳דִיג חָשׁוּב בַּיים

בַּאשֶׁעפֶּער. און עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג נָאר מְחַזֵק גֶעוֶועןְ דִי אִידְןְ, עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט (דְבָרִים יד, א): **בָּנִים אַתֶּם לַה' אֱלֹהֵיכֶם** - אִיר זֶענְט בַּאלִיבְּטֶע קִינְדֶער בַּיים בַּאשֶׁעפֶּער. אָבֶּער ווִיבַּאלְד מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין אֱמוּנַת חֲכָמִים, מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיס דִי זִיסֶע אֶמֶת'ע וֶוערְטֶער פוּן דִי צַדִיקִים, הָאט מֶען שׁוֹין אִין זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין אֱמוּנָה, בִּיז מֶען וֶוערְט דוּרְכְגֶעפוּילְט מִיט יִאוּשׁ און צוּבְּרָאכְנְקַייט.

דָאס אִיז לֵיידֶער דִי גַאנְצֶע סִבָּה פַארְוָואס אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים מִיט מֵיידְלֶעךְ אִינְגֶעלַייט מִיט וַוייבְּלֶעך, גְלִיטְשְׁן הַיינְט אַוֶועק פוּנֶעם אִידִישְׁן וֶועג, וַוייל זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט זֵייעֶר חֲשִׁיבוּת, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט ווִי חָשׁוּב זֵיי זֶענֶען בַּיים בַּאשֶׁעפֶּער, וֶוען זֵיי זָאלְן ווִיסְן זֵייעֶר חֲשִׁיבוּת, אַז זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ וֶוערְד בַּיים בַּאשֶׁעפֶּער, "יָא - דוּ וָואס דוּ מֵיינְסְט אַז דוּ הָאסְט גָארְנִישְׁט, בִּיסְט אוֹיךְ וֶוערְד, דוּ הָאסְט יָא עֶפֶּעס גוּטְס אִין דִיר", יֶעדֶער אִיד אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט גוּטְס! וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל דָאס ווִיסְן וָואלְט עֶר

קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען צוּבְּרָאכְן אוּן אַרָאפְּגֶעקוּקְט בַּיי זִיךְ, עֶר וָואלְט זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען מִיט אַלֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס עֶר פַאַרְמָאגְט בָּרוּךְ הַשֵׁם, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף יֶעדֶע גוּטֶע נְקוּדָה וָואס עֶר פַאַרְמָאגְט.

אַ אִיד דַארְף פוּן יֶעדֶע זַאךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ וֶועג זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין אוּן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, צוּם בַּיישְׁפִּיל אַז מֶען זֶעהט וִוי גוֹיִם פָארְן מִיט דִי קַארְס אָדֶער זֵיי רַייכֶערְן אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אִיז דָאס נָאר כְּדֵי מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין, אוּן זָאגְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר אַז אִיךְ פָאר נִישְׁט שַׁבָּת! אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר אַז בָּרוּךְ הַשֵׁם אִיךְ אַרְבֶּעט נִישְׁט שַׁבָּת! אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין גוֹי אוּן אִיךְ רֵייכֶער נִישְׁט שַׁבָּת! אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בַּיי יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע זַאךְ.

## ה.

### הָאבּ זִיךְ נִשְׁט אַזוֹי פַּיינְט וֶועסְטוּ יֶענֶעם אוֹיךְ נִשְׁט פַּיינְט הָאבְּן

דָאס אִיז דֶער טִיפֶער לִימוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפב), אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג דַן זַיין יֶעדְן אִיד לְכַף זְכוּת, אוּן צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיינְס אוֹיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, טְרֶעפְן דִי גוּטְס בַּיי זִיךְ, זִיךְ מְחַיֶה זַיין אוּן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְן מִיט דֶעם. דֶער אֶמֶת אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן נָאר וֶוען עֶר אַלֵיין אִיז אַ פַארְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט זִיךְ אַלֵיינְס פַּיינְט, עֶר הָאט נִישְׁט אִין זִיךְ קַיין שׁוּם טְרָאסְט, קַיין שׁוּם קַאנְפִידֶענְץ, עֶר טְרַאכְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דֶערִיבֶּער מַאכְט עֶר אַ חֶשְׁבּוֹן אַז יֶענֶער אִיז אַוַודַאי גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן וָואס מֶער עֶר הָאט זִיךְ פַּיינְט אוּן עֶר אִיז בַּיי זִיךְ מֶער דֶערְבִּיטֶערְט, אַלְץ מֶער זֶעהט עֶר דִי שְׁלֶעכְטְס אִיבֶּערָאל, בִּיז עֶר קוּמְט צוּ אַ בַּאשְׁלוּס אַז דִי

גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, אוּן עֶר מַאכְט יֶעדְן אַוֶועק, אָבֶער בְּאֶמֶת קוּמְט דָאס פוּן טִיפֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע, עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער זֶעלְבֶּער לַאו וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (וַיִקְרָא יט, יז): **לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבְךָ** - מֶען טָאר נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן יֶענֶעם. גֵייט אַרוֹיף אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס אוֹיךְ, אַז מֶען טָאר זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן, פַארְקֶערְט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גְלֵייבְּן אִין זִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סא), אַז פּוּנְקְט וִוי אַ אִיד דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר פִירְט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַזוֹי דַארְף עֶר אוֹיךְ הָאבְּן אֱמוּנָה אִין זִיךְ, וִויסְן אַז עֶר אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קמ).

מִיט דֶעם טַייטְשְׁן צַדִיקִים דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ד, ז): **אִם תֵּיטִיב שְׂאֵת, וְאִם לֹא תֵיטִיב, לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ**; "אִם תֵּיטִיב" - אוֹיבּ וֶועסְטוּ זַיין גוּט פַאר דִיר אַלֵיין, אוּן דוּ וֶועסְט וִויסְן אַז עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט עֶק וֶועלְט, נָאךְ אַלֶעם בִּין

אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ אִיד, אוּן אִיךְ גְלֵייבּ אִין בַּאשֶׁעפֶער! אִיךְ הִיט שַׁבָּת, אִיךְ עֶס נָאר כָּשֵׁר, אִיךְ הָאבּ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים - אִיךְ גֵיי מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת; אִיךְ הָאבּ אַ מְזוּזָה, אִיךְ גֵיי מִיט תְּפִילִין, אִיךְ גֵיי מִיט צִיצִית; אוֹיבּ װֶעסְטוּ אַזוֹי קוּקְן אוֹיף דִיר אַלֵיין, אוּן דוּ װֶעסְט זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע נְקוּדָה װָאס דוּ הָאסְט, דֶעמָאלְטְס "שְׂאֵת" - װֶעסְטוּ קֶענֶען פַארְנֶעמֶען יֶעדְן אֵיינֶעם; זָאל יֶעדֶער זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַלֶע אִידְן זֶענֶען פֵיין, דֶער אִיז אַ בַּעַל צְדָקָה, דֶער אִיז אַ בַּעַל חֶסֶד, דֶער אִיז אַ לַמְדָן, דֶער אִיז אַ בַּעַל תְּפִלָּה, אוּן אַזוֹי יֶעדֶער מִיט זַיינֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אָבֶּער "אִם לֹא תֵיטִיב" - אוֹיבּ דוּ װֶעסְט נִישְׁט זֶעהן אַז דוּ בִּיסְט גוּט; נָאר שְׁטֶענְדִיג װֶעסְטוּ דִיר אַרָאפְּקְלַאפְּן אוּן הַאלְטְן אַז דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט װֶערְד, אוּן אֲפִילוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן װָאס דוּ פַארְמָאגְסְט, װֶעסְטוּ אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג אַװֶעקְמַאכְן אוּן זָאגְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, דֶעמָאלְטְס "לְפֶּתַח חַטָּאת רוֹבֵץ" - װֶעסְטוּ בַּיי יֶעדֶענְס טִיר טְרֶעפְן

עֲבֵירוֹת; אִיבֶּערָאל וֶועסְטוּ נָאר טְרֶעפְן דָאס שְׁלֶעכְטְס חַס וְשָׁלוֹם.

## מִיט אַ קְלֵיינִיקַייט קֶען מֶען מְחַיֶה זַיין אַ אִיד

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר אִין דִי פַּרְשָׁה, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט אִין נָאמֶען פוּן בַּאשֶׁעפֶער (דְבָרִים כט, יז): טָאמֶער אִיז דָא צְוִוישְׁן עֶנְק אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַ "שֹׁרֶשׁ פֹּרֶה רֹאשׁ וְלַעֲנָה", עֶר אִיז וִוי אַ וָוארְצְל וָואס עֶס וַואקְסְט פוּן דֶעם אַרוֹיס אַ בִּיטֶערֶע מִין גְרָאז; דָאס הֵייסְט, אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין רִשְׁעוּת אוּן שְׁלֶעכְטְקַייט צְוִוישְׁן עֶנְק (עַיֵּין בְּרַשִׁ"י). זָאגְט דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ (עַיֵּין בְּסֵפֶר קוֹל מְבַשֵּׂר פַּרְשַׁת נִצָּבִים), אַז ש׳רֶשׁ פ׳רֶה ר׳אשׁ וְ׳לַעֲנָה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבַת - שׁוֹפָר.

דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז אִין דִי הֵיילִיגֶע טָעג פוּן חֹדֶשׁ אֱלוּל אוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מִיר בְּלָאזְן שׁוֹפָר כְּדֵי צוּ עֶרְוֶועקְן וֶוערְן צוּ תְּשׁוּבָה, דַארְף מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי פַארְבִּיסְנְקַייט אוּן שְׁלֶעכְטִיגְקַייט

וָואס לִיגְט אַייְנְגֶעגֶעסְן נָאךְ פוּן וֶוען מֶען אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, מֶען זֶעהט לַיידֶער זֵייעֶר אָפְּט בַּיי קִינְדֶער אַז אַ אִינְגֶל שְׁטֶעקְט אוּנְטֶער אַ פִּיס פַּאר אַ צְוֵוייטְן אִינְמִיטְן גֵיין, יֶענֶער פַּאלְט נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אוּן יֶעדֶער לַאכְט, אָדֶער אֵיינֶער ווִיל זִיךְ אַרָאפְּזֶעצְן קוּמְט אַ אִינְגֶל אוּן עֶר שְׁלֶעפְּט אִים אַרוֹיס דִי בֶּענְקֶל פוּן אוּנְטְן, אוּן עֶר פַּאלְט נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד; פַּארְוָואס זָאל מֶען דָאס טוּהן? פַּארְוָואס דַארְף מֶען טוּהן רִשְׁעוּת פַּאר אַ צְוֵוייטְן?! אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג טוּהן נָאר גוּטְס פַּאר אַ צְוֵוייטְן, אוּן זֶעהן ווִי מֶען קֶען נָאר טוּהן אַ חֶסֶד פַּאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, מֶען קֶען אַמָאל מִיט קְלֵיינִיקַייטְן אַזוֹי מְחַיֶה זַיין אַ צְוֵוייטְן אִיד, לְמָשָׁל אַז דוּ נֶעמְסְט אַ קַאוֶוע פַּאר דִיר, פְּרֶעג דַיין שָׁכֵן, צוּ עֶר ווִיל אֶפְשָׁר אוֹיךְ אַ קַאוֶוע? אוּן אַז יָא, בְּרֶענְג אִים אוֹיךְ אַ קַאוֶוע, הַארְץ אוּן גֶערְן, פַּארְוָואס דֶען נִישְׁט?! מִיט דֶעם הָאסְטוּ יֶעצְט מְחַיֶה גֶעוֶוען אַ אִיד, אַזוֹי אוֹיךְ אַז דוּ גֵייסְט עֶסְן קֶענְסְטוּ יֶענֶעם אוֹיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט אַ נַאכְטְמָאל אָדֶער אַ

פְרִישְׁטָאג, דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָה פוּן אַ אִיד, אַז עֶר הָאט אִינְזִין אַ צְוֵוייטְן אוֹיף.

ו.

## נָאר פְרֵיילִיךְ זַיין שַׁבָּת

אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם וְכוּ׳; יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן בַּיים לֶעצְטְן שַׁבָּת פוּנֶעם יָאר, דַארְף מֶען וִויסְן אַז מֶען קֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶע שַׁבָּתִים פוּן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן אֲפִילוּ אַלֶע שַׁבָּתִים פוּן אַגַאנְץ לֶעבְּן; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען זֶעהן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נָאר צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ שַׁבָּת, שַׁבָּת קֶען אַ מֶענְטְשׁ סַיי ווִי גָארְנִישְׁט טוּהן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין אַרְבֶּעט, קַיין בֶּענְק, קַיין גֶעלְט, קַיין חוֹבוֹת, שַׁבָּת טְרַאכְט מֶען אֲפִילוּ נִישְׁט פוּן אַלֶע וָואכֶעדִיגֶע גֶעשֶׁעפְטְן, יֶעצְט אִיז מֶען קֵיינֶעם גָארְנִישְׁט שׁוּלְדִיג, אוּן אַוַודַאי רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן וָואכֶעדִיגֶע זַאכְן (שַׁבָּת דַף קיג; וּבְשֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן שז) אָפְּגֶערֶעדְט אַז מֶען טוּט נִישְׁט קַיין שׁוּם מְלָאכָה אוּם שַׁבָּת, שַׁבָּת אִיז דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן

אַנְדֶערְש מִיטְן מַחְשָׁבָה, מִיטְן דִיבּוּר, אוּן מִיט דִי מַעֲשֶׂה, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען שַׁבָּת נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ, זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן יז), עֶסְן דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה, מֶען בְּרֶענְגְט גֶעסְט אוּן מֶען זִינְגְט אִינְאֵיינֶעם דִי זְמִירוֹת אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְן שַׁבָּת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן לב): אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאגְט אוּנְז שׁוֹין: קִינְדֶערְלֶעךְ עֶסְט! אוּן דָאס אִיז אוּנְז אוֹיךְ שְׁוֶוער מְקַיֵים צוּ זַיין. בִּפְרַט שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת וֶוען מֶען אִיז נָאךְ זַאט פוּן דִי בַּייטָאג סְעוּדָה אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרַע נִישְׁט צוּ עֶסְן, וָואס דָאס אִיז אַ פְּגַם אִין דִי אֱמוּנָה (זֹהַר יִתְרוֹ דַף פח ע"ב), חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קיז ע"ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶסְן דְרֵיי סְעוּדוֹת אִין שַׁבָּת, אוּן וֶוער עֶס עֶסְט דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת וֶוערְט נִיצוֹל פוּן דְרֵיי שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאפְן. ווִידֶער זָאגְן חֲזַ"ל (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית אוֹת ג): **כְּבוֹד שַׁבָּת כְּאֶלֶף תַּעֲנִיּוֹת** - אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד דֶעם שַׁבָּת אִיז אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעפַאסְט טוֹיזֶענְט תַּעֲנִיתִים. אִין אוּנְזֶער שְׁוַואכֶע דוֹרוֹת הָאבְּן מִיר

קוֹים כֹּחַ צוּ פַאסְטְן אֵיין תַּעֲנִית, אוּן דָא זָאגְן אוּנְז חֲזַ"ל אַז מִיט דֶעם וָואס מִיר זֶענֶען נָאר מְכַבֵּד דֶעם שַׁבָּת אִיז דָאס אַזוֹי וִוי מֶען פַאסְט טוֹיזֶענְט תַּעֲנִיתִים! נָאכְמֶער זָאגְן חֲזַ"ל (שַׁבָּת קיח ע"ב) אַז אַ אִיד הִיט שַׁבָּת אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אֲפִילוּ אוֹיף דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת.

דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (יִתְרוֹ דַף פח ע"א) אַז דִי הַשְׁפָּעָה פוּן אַגַאנְצֶע וָואךְ וֶוענְדְט זִיךְ אִין שַׁבָּת; דֶערִיבֶּער אַז אַ אִיד אִיז אַ גַאנְץ שַׁבָּת מָלֵא שִׂמְחָה, עֶר אִיז נָאר פַארְנוּמֶען אַז עֶס אִיז שַׁבָּת אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן עֶר בְּרֶענְט מִיטְן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וֶועט עֶר נָאכְדֶעם אַגַאנְצֶע וָואךְ הָאבְּן פַּרְנָסָה זֵייעֶר גְרִינְג.

כָּל שֶׁכֵּן אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערְס דֶערְפוּן, חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה יא, ח): שַׁבָּת הָאט גֶעהָאט אַ טַעֲנָה צוּם בַּאשֶׁעפֶער: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! פַאר יֶעדֶעם הָאסְטוּ גֶעגֶעבְּן אַ פָּאר, זוּנְטָאג מִיט מָאנְטִיג, דִינְסְטָאג מִיט מִיטְוָואךְ, דָאנֶערְשְׁטִיג מִיט פְרַייטִיג, נָאר אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין אָן

אַ פָּאר. הָאט אִיר דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעזָאגְט: דִי אִידְן וֶועלְן זַיין דַיין פָּאר! שַׁבָּת וֶועלְן זֵיי לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן נָאר זַיין פַּארְנוּמֶען מִיט דִיר; דֶערְפַאר הָאט מֶען מְתַקֵן גֶעוֶוען צוּ לֵיינֶען יֶעדְן שַׁבָּת דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואך (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפב). אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז נִישְׁט נָאר שַׁבָּת אַלֵיין זֶענֶען אִידְן פַּארְנוּמֶען מִיטְן שַׁבָּת, נָאר אַגַאנְצֶע וָואך דְרֵייט זִיךְ אוֹיךְ אַלֶעס אַרוּם שַׁבָּת, מֶען גְרֵייט זִיךְ כְּסֵדֶר אוֹיפְן שַׁבָּת, יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶוענֶען צֵיילְן מִיר דִי טָעג פוּנֶעם וָואךְ לוֹיטְן שַׁבָּת, מִיר זָאגְן (בְּשִׁיר שֶׁל הַיּוֹם): הַיּוֹם יוֹם רִאשׁוֹן בְּשַׁבָּת... הַיּוֹם יוֹם שֵׁנִי בְּשַׁבָּת... הַיּוֹם יוֹם שְׁלִישִׁי בְּשַׁבָּת...! אוֹיךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בֵּיצָה דַף טז ע"א): אֲפִילוּ אַ גַאנְצֶע וָואךְ וֶוען מֶען קוֹיפְט אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר זִיךְ אָדֶער פַאר דִי קִינְדֶער, הָאט מֶען שׁוֹין אִינְזִין אַז דָאס זָאל זַיין אוֹיף שַׁבָּת.

דִי צָרָה אִיז נָאר אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי זִיךְ זֵייעֶר אַרָאפּ גֶעקְלַאפְּט, דֶערְפַאר קוּקְט אִים נֶעבֶּעךְ אוֹיס דִי גַאנְצֶע שַׁבָּת

פַאר אַ פְּרֶעשׁוּר, אוֹיבּ אִיז דָאס נִישְׁט גֶענוּג, הָאט דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז דִי צַייטוּנְגֶען זָאלְן אַרוֹיסְקוּמֶען פַאר שַׁבָּת, אַזוֹי אַז פּוּנְקְט שַׁבָּת וֶוען עֶס אִיז דִי הֵיילִיגְסְטֶע טָאג פוּן וָואךְ אוּן אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, זָאל מֶען זַיין פַארְנוּמֶען צוּ לֵיינֶען נַארִישֶׁע צַייטוּנְגֶען[3], דֶערְפַאר דֶעם שַׁבָּת וֶוען מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּן ״אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם״, וָואס עֶס דֶערְמַאנְט אוּנְז פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ סִימָן תכח סְעִיף ד; וְעַיֵּן זֹהַר בֹּא, דַּף לב ע״ב), וֶוען יֶעדֶער אָן אַ אוֹיסְנַאם דַארְף זִיךְ שְׁטֶעלְן צוּם מִשְׁפָּט, דַארְף מֶען זֶעהן צוּ פַארֶעכְטֶן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם

---

[3] אַוַודַאי אוֹיבּ וָואלְט אִין דִי צַייטוּנְגֶען גֶעשְׁטַאנֶען בְּלוֹיז לָשׁוֹן הָרַע׳ס וְכוּ׳, וָואלְט פַאר יֶעדְן נָארְמַאלְן מֶענְטְשׁ פַארְגַאנְגֶען דֶעם אַפֶּעטִיט אַרַיינְצוּקוּקְן דֶערִין, דֶערִיבֶּער לֵייגְט מֶען אוֹיךְ אַרַיין שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים מִיט שֵׁיינֶע בַּאשְׁרַייבּוּנְגֶען, אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַרַיינְגֶענַארְט אִין דֶעם.

גֶעוֶוען אַלֶע שַׁבָּתִים בִּיז יֶעצְט, אוּן פוּן הַיינְט אָן מְקַבֵּל זַיין דֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת מִיט אַ אוֹיסְטֶערְלִישְׁן שִׂמְחָה.

## ז.

## שְׁטוּפּ נִישְׁט אָפּ אוֹיף מָארְגְן

אַתֶּם נִצָּבִים "הַיּוֹם" וְכוּ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סימן ערב): אַ מֶענְטְשׁ וָואס וויל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וִויסְן אַז עֶר הָאט נָאר דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, עֶר דַארְף בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף מָארְגְן, דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז): **הַיּוֹם, אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ** - אוֹיבּ וֶועסְטוּ קוּקְן נָאר אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג, וֶועסְטוּ קֶענֶען פָּאלְגְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; דִי טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַז אֲפִילוּ עֶר וִויל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, עֶר וִויל אָנְהֵייבְּן דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאךְ שְׁטוּפְּט עֶר עֶס אֵייבִּיג אָפּ אוֹיף מָארְגְן, הַיינְט אִיז שׁוֹין נִישְׁט קֵיין גוּטֶער טָאג, הַיינְט הָאבּ אִיךְ אַ בְּרִית... הַיינְט הָאבּ אִיךְ אַ חֲתוּנָה... אָבֶּער

מָארְגְן וֶועל אִיךְ שׁוֹין דַאוֶונֶען, מָארְגְן וֶועל אִיךְ שׁוֹין לֶערְנֶען. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז יֶעדְן טָאג קוּמְט דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם אָן מִיט אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, אַזוֹי גֵייט נֶעבֶּעךְ דוּרְך טָאג נָאךְ טָאג, אוּן מֶען וַוארְט אַלְץ אַז דֶער גוּטֶער טָאג זָאל אָנְקוּמֶען, דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת יז, ט): **וְצֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק מָחָר** - גֵיי אַרוֹיס מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט עֲמָלֵק וָואס שְׁטוּפְּט אַלְץ אָפּ אוֹיף מָארְגְן. אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן נָאר אוֹיף יֶעצְט אוּן אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג; וַוייל יֶעדְן טָאג אִיז אַ זַאךְ פַאר זִיךְ, אוּן יֶעדְן טָאג אִיז מֶען עֶקְסְטֶער דַן דֶעם מֶענְטְשׁ (רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַף טז ע״א), דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק ״אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם״ - הַיינְט שְׁטֵייט יֶעדֶער פַארְן מִשְׁפָּט, אוּן דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג אִיז וִוי רֹאשׁ הַשָּׁנָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וֶוען דָאס וִויסְן וָואלְט עֶר זִיךְ נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט, נָאר עֶר וָואלְט יֶעדְן טָאג זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעטְרָאפְן בַּיי זִיךְ יֶעדֶע גוּטֶע נְקוּדָה וָואס עֶר פַארְמָאגְט, אוּן זִיךְ דַן גֶעוֶוען לְכַף זְכוּת, אַזוֹי וִוי מֶען טוּט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פַארְוָואס גֵייט מֶען צוּם צַדִיק

רֹאשׁ הַשָּׁנָה? וַוייל דֶער צַדִיק פַארְשְׁטֵייט יֶעדֶענְס מַצָב אוּן עֶר קֶען יֶעדְן דַן זַיין לְכַף זְכוּת (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן א), אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אִיז בַּיי אִים יֶעדְן טָאג וִוי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יֶעדְן טָאג אִיז עֶר אַסַאךְ מִתְפַּלֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדְן טָאג פַארְעֶנְטְפֶערְט עֶר זִיךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר אִיז זִיךְ דַן לְכַף זְכוּת.

## ח.

## אַ רֶבִּי פַאר אַלֶע דוֹרוֹת

דִי אַלֶע שֵׁיינֶע לֶעכְטִיגֶע לִמוּדִים הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט נִישְׁט נָאר אַמָאל, אוּן נִישְׁט נָאר פַאר אוּנְז, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, מְחַיֶה זַיין אַלֶע אִידְן אוּן אַלֶע דוֹרוֹת וַוייטֶער, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט דִי וָואךְ: **וְלֹא אִתְּכֶם לְבַדְּכֶם... כִּי אֶת אֲשֶׁר יֶשְׁנוֹ פֹּה... וְאֵת אֲשֶׁר אֵינֶנּוּ פֹּה** (דְבָרִים כט, יג-יד). דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט מִיט אַ פְּלַאם פֵייעֶר: אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט

זִיךְ גֶעטוּהְן ! (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רט). וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַ שְׁפְּרַאךְ מְחַזֵק צוּ זַיין אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן עַד סוֹף כָּל הַדוֹרוֹת.

דָאס זֶעעֶן מִיר אוֹיךְ בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל-א כב, ב), אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַרוּם זִיךְ פִיר הוּנְדֶערְט צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, דֶערְבִּיטֶערְטֶע מֶענְטְשְׁן, וָואס מֶען אִיז זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן צוּלִיבּ זֵייעֶרֶע חוֹבוֹת, אוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זֵיי מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן בִּיז עֶר הָאט זֵיי גֶעמַאכְט פַאר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

## דֶער סוֹד פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז תְּפִלָּה

וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער גַאנְצֶער סוֹד פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ ? נָאר תְּפִלָּה ! אַזוֹי וִוי עֶר זָאגְט אִין תְּהִלִּים (קט, ד) : ״וַאֲנִי תְפִלָּה״ - אִיךְ בִּין אַ שְׁטִיק תְּפִלָּה. אֵיינְמָאל אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה אִיז עֶר שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער עִקַר תְּפִלָּה מֵיינְט פָּשׁוּט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט

(שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רכט): אַמָאל אִיז גֶעוֶוען דֶער עִקַר תְּפִלָּה אַז וֶוען אַ אִיד הָאט עֶפֶּעס גֶעדַארְפְט, הָאט עֶר דָאס גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, מִיט דֶעם הָאט עֶר מְקַיֵים גֶעוֶוען דִי מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה פוּן דַאוֶוענֶען (תַּעֲנִית דַּף ב ע"א), נָאר נָאכְדֶעם הָאבְּן דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה גֶעזֶעהן אַז עֶס גֵייט זַיין אַ גְרוֹיסֶער גָּלוּת, הָאבְּן זֵיי מְתַקֵן גֶעוֶוען אַ נוּסַח הַתְּפִלָּה, יֶעדֶער זָאל דַאוֶוענֶען דֶעם זֶעלְבְּן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה דְרֵיי מָאל אַ טָאג, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן תְּפִלָּה (כְּמְבוֹאָר בָּרַמְבַּ"ם תְּחִלַּת הִלְכוֹת תְּפִלָּה), אָבֶּער אֲפִילוּ הַיינְט אִיז נָאךְ אַלְץ דֶער עִקַר שְׁלֵימוּת צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן, נִישְׁט קֵיין חִילוּק צוּ אַ קְלֵיינֶע זַאךְ אָדֶער אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אַלֶעס זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

וִוי בַּאקַאנְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶערִימְט (עַיֵּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקנג),

אֵיינְמָאל הָאבְּן זַיינֶע תַּלְמִידִים בַּאמֶערְקְט וִוי עֶר זָאגְט עֶפֶּעס בַּיי סוֹף שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה בַּיי 'אֱלֹקַי נְצוֹר', הָאבְּן זֵיי צוּגֶעלֵייגְט אַן אוֹיעֶר... הֶערְן זֵיי וִוי דֶער רֶבִּי בֶּעהט זִיךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶּער: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! בְּרֶענְג מִיר צוּרִיק דִי דִינְסְט, אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעעֶנְדִיגְט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה; שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן זִיךְ דִי תַּלְמִידִים צַאמְגֶעזֶעצְט אוּן אַריינְגֶעקֶלֶערְט, וִויבַּאלְד בַּיים רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּנְחָס אִיז דָאךְ יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר רֶעדְט אַ יִחוּד[4], אִיז וָואס הָאט גֶעקֶענְט בַּאדֵייטְן דִי וֶוערְטֶער "בְּרֶענְג מִיר צוּרִיק דִי דִינְסְט", אֵיין תַּלְמִיד הָאט גֶעזָאגְט: אֶפְשָׁר גֵייט דָאס אַרוֹיף אוֹיף דִי שְׁכִינָה... אַן אַנְדֶערֶער תַּלְמִיד הָאט

---

[4] דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיקְל קָאמַארְנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ, אַז עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט טוֹיזְנְט וֶוערְטֶער אוֹיף אִידִישׁ, וָואס יֶעדֶע פוּן דִי וֶוערְטֶער הָאט בַּאטְרָאפְן אַ גֶעוִויסְן שֵׁם וְכוּ', אוּן נָאר דִי טוֹיזְנְט וֶוערְטֶער הָאט עֶר גֶערֶעדְט (עַיֵּן זֹהַר חַי חֵלֶק א).

גֶעזָאגְט אַן אַנְדֶערְן פְּשַט, און אַזוֹי הָאט מֶען פְּרָאבִּירְט אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען לוֹיט וִויפִיל דָאס בַּאטְרֶעפְט צוּ וָואסְפַארַא שֵׁמוֹת און יִחוּדִים דֶער רֶבִּי הָאט אֶפְשָׁר גֶעקֶענְט מֵיינֶען דֶערְמִיט, אָבֶער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעקְלֶעבְּט גֶעהֶערִיג... זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען עֶרְלִיכֶע תַּלְמִידִים, הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען און זֵיי זֶענֶען צוּגֶעגַאנְגֶען און גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן אַלֵיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ: מִיר ווילְן דָאךְ אַלֶעס לֶערְנֶען פוּנֶעם רֶבִּי׳ן, אֶפְשָׁר קֶען אוּנְז דֶער רֶבִּי עֶרְקְלֶערְן דִי פְּשַט פוּן דִי וֶוערְטֶער? אֶפְשָׁר אִיז יֶעצְט דִי שְׁכִינָה אִין אַ מַצָּב פוּן אַ דִינְסְט, און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דִי שְׁכִינָה?! הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁמֵייכְלֶען און זֵיי גֶעזָאגְט: דִי רֶעבֶּעצִין הָאט גֶעהַאט אַ דִינְסְט וָואס אִיז אַנְטְלָאפְן, הָאט זִי זִיךְ פַאר מִיר בַּאקְלָאגְט, אַז זִי הָאט נִישְׁט קֵיין כֹּחַ צוּ פִירְן אַלֵיין דִי ווירְטְשַׁאפְט מִיט אַזוֹיפִיל שְׁטוּב אַרְבֶּעט, אִיךְ זָאל אִיר זֶעהן צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגְן, דֶערְפַאר הָאב אִיךְ דָאס פָּשׁוּט גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער...!

זֶעהט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה, וְוִי אַזוֹי אַ צַדִּיק בֶּעהט יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דִי חֲסִידִים לֶערְנֶען אַרַיין אַלֶע מִינֵי פְּשָׁטִים, זֵיי כַאפְּן נִישְׁט אַז פָּשׁוּט בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער יֶעדֶע זַאךְ אִיז דִי גְרֶעסְטֶע גַדְלוּת פוּן אַ צַדִּיק.

עֶס הָאט אַמָאל פַּאסִירְט אַז אַ בֶּגֶד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ אַבִּיסְל צוּרִיסְן, עֶר אִיז דַאן גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג אָרֶעם, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ נַייֶע, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: בֶּעהט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ נַייֶע מַלְבּוּשׁ! אִיז רֶבִּי נָתָן שְׁטֵיין גֶעבְּלִיבְּן מִיט וואוּנְדֶער: אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אוֹיךְ בֶּעטְן? עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט לֶעבְּנְס וִויכְטִיג?! הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: עֶס פַּאסְט דִיר נִישְׁט צוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אַזַא קְלֵיינֶע זַאךְ?! אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַמָאל גֶעזָאגְט: אַז אַ מֶענְטְשׁ בֶּעהט נִישְׁט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער יֶעדֶע זַאךְ, אִיז עֶר צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בְּהֵמָה, דֶער בַּאשֶׁעפֶער פַארְלָאזְט אִיר אוֹיךְ נִישְׁט, מֶען לֵייגְט אִיר

אַרָאפּ שְׁטְרוֹי אוּן זֵי עֶסְט וִויפִּיל זֵי קֶען נָאר, אָבֶּער דֶער עִקַר מַעְלָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַז עֶר בֶּעהט יֶעדֶע זַאךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט, עֶסְן, קְלֵיידֶער וְכוּ׳, בַּאקוּמְט עֶר פוּן בַּאשֶׁעפֶער נָאר דוּרְך תְּפִלָּה (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן רלג).

## ט.

## נָאר דוּ טַאטֶע קְרוֹין קֶענְסְט אוּנְז הֶעלְפְן

דָאס אִיז דִי גַאנְצֶע עֲבוֹדָה פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים בִּפְרַט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען מֶען זָאגְט שְׁטֶענְדִיג "הַמֶּלֶךְ", אַלֶעס כְּדֵי מֶען זָאל מַמְלִיךְ זַיין אוֹיף זִיךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער[5], אוּן וִויסְן אַז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען

[5] דֶערְפַאר בַּיי בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידִים פַּאטְשְׁט מֶען בַּיי "הַמֶּלֶךְ" מִיט גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת, וַוייל מֶען אִיז יֶעצְט מַמְלִיךְ דֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא.

נָאר בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, וֶועגְן דֶעם זָאגְן מִיר אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג דִי מוֹרָא׳דִיגֶע תְּפִלָּה פוּן "אָבִינוּ מַלְכֵּינוּ", וִוי מִיר בֶּעטְן דָארְט אֵיין מָאל נָאכְן אַנְדֶערְן: טַאטֶע קְרוֹין! טַאטֶע קְרוֹין! אוּן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ בַּאזוּנְדֶער מַאכְן מִיר אַן עֶקְסְטֶערֶע תְּפִלָּה[6], דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אוֹיךְ בַּיי דִי מוֹרָא׳דִיגֶע

---

[6] דִי תְּפִלָּה הָאט מְתַקֵן גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא, וִוי עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעבֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ, סְפֶּעצִיעֶל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין נְקָמָה נֶעמֶען אוֹיף דִי פוּל אִידִישׁ בְּלוּט וָואס אִיז פַארְגָאסְן גֶעוָוארְן, עֶר זָאל שׁוֹין קוּקְן אוֹיף דִי זְכוּת פוּן דִי וָואס זֶענֶען פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן, דֶערְשְׁטִיקְט גֶעוָוארְן, אוּן צוּשְׁנִיטְן גֶעוָוארְן אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵׁם דוּרְךְ דִי אַכְזָרִיוּת׳דִיגֶע גוֹיִם יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם, וַוייל וֶוער נָאךְ וִוי רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט אַזוֹי גוּט גֶעוִויסְט דִי צָרוֹת אוּן פַּיין וָואס עֶס גֵייט נֶעבֶּעךְ דוּרְךְ אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט דָאךְ צוּגֶעזֶעהְן מִיט זַיינֶע אוֹיגְן וָואסְפַארַא רוֹצְחִים דִי רוֹימֶער זֶענֶען, אִים אַלֵיין הָאבְּן זֵיי דָאךְ אוֹיךְ גֶערִיסְן דִי פְלֵייש מִיט אַ אַייזֶערְנֶעם קֶעמְל בִּיז זַיין נְשָׁמָה אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען בַּיי "אֶחָד". לַיידֶער הָאבְּן מִיר דָאס בִּיטֶער מִיטְגֶעמַאכְט אִין אוּנְזֶער דוֹר, עֶס אִיז נָאךְ דָא צְוִוישְׁן אוּנְז אִידְן וָואס זֵיי קֶענֶען דֶערְצֵיילְן וָואס דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע עֲמָלֵקִים [אוּן

תְּפִלָּה פוּן "עֲנֵנוּ" וָואס מִיר זָאגְן בַּיי סְלִיחוֹת, וָואס חֲזַ"ל הָאבְּן דָאס מְתַקֵּן גְעוֶוען, ווי מִיר בֶּעטְן מִיט תְּמִימוּת אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל לוֹיט דִי סֵדֶר פוּן דִי אַלֶף בֵּית: עֲנֵנוּ, הֶעלְף אוּנְז! עֲנֵנוּ, הֶעלְף אוּנְז! אוֹיף דֶעם אִיז יֶעצְט דִי צַייט, צוּ בֶּעטְן אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל יֶעדֶע זַאךְ פְּרָאסְט אוּן פָּשׁוּט, אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן רְפוּאוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת, וַוייל אִין הִימְל אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב אִידִישֶׁע תְּפִלוֹת.

## יֶעצְט אִיז נִישְׁט דִי צַייט צוּ רֶעדְן

דֶערְפַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נָאר צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן נִישְׁט רֶעדְן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כא): מֶען זָאל רֹאשׁ הַשָּׁנָה נִישְׁט רֶעדְן קַיין

---

אַלֶע אַנְדֶערֶע גוֹיִם וָואס זֵיי שְׁטַאמֶען אוֹיךְ פוּן עֲמָלֵק] יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם הָאבְּן גֶעטוּהְן צוּ אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִידְן, אוּן אַוַודַאי אִיז דִי זְכוּת וֶועְרְד אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן שׁוֹין גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

נַארִישְׁקֵייטְן. וַוייל וֶוען מֶען מִשְׁפָּט אַ מֶענְטְש דַארְף מֶען הַאלְטְן דִי מוֹיל פַארְמַאכְט, וַוייל אוֹיבּ וֶועט עֶר רֶעדְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, וֶועט עֶר זִיךְ דֶעמָאלְטְס חָלִילָה אַלֵיינְס מִשְׁפָּט׳ן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קיג), וָואס דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ג, טז): וְנִפְרָעִין מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ - מֶען בַּאשְׁטְרָאפְּט אַ מֶענְטְשׁ מִיט זַיין וִויסְן אוּן אָן זַיין וִויסְן. נוּ, וָואס אִיז דֶער אֱמֶת וֵוייסְט דֶער מֶענְטְש יָא זַיין שְׁטְרָאף אָדֶער נִישְׁט?! נָאר דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הָאט גֶעזָאגְט, אַז פַּאר מֶען אִיז דַן אַ מֶענְטְש וויל מֶען פוּן הִימְל הֶערְן דֶעם פְּסַק פוּן אִים אַלֵיינְס, אָבֶער פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז קַיין אֵיין מֶענְטְש וֶועט זִיךְ נִישְׁט דַן זַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן זָאגְן אַז עֶס קוּמְט מִיר צוּ הֶענְגֶען, עֶס קוּמְט מִיר פַארְבְּרֶענְט צוּ וֶוערְן, עֶס קוּמְט מִיר צוּ דֶערְשְׁטִיקְן, עֶס קוּמְט מִיר רְצִיחָה, אוֹיבּ אַזוֹי וָואס טוּט מֶען?! מֶען פַארְצֵיילְט אִים אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צְוֵוייטְן, לְמָשָׁל, אַז יֶענֶער הָאט מְחַלֵּל שַׁבָּת גֶעוֶוען... דֶעמָאלְטְס שְׁפְּרִינְגְט עֶר גְלַייךְ אוֹיף: אַזוֹי? זָאל מֶען אִים הֶענְגֶען! זָאל

מֶען אִים בַּאוַוארְפְן מִיט שְׁטֵיינֶער ! עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז יֶענֶע מִינוּט הָאט עֶר זִיךְ נֶעבֶּעךְ אַלֵיינְס דַן גֶעוֶוען, וַוייל עֶר אִיז אוֹיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן רֵיין חָלִילָה וְחַס פוּן דִי עֲבֵרָה, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעטוּהְן אַמָאל אַ מְלָאכָה אִין שַׁבָּת, אוּן מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיינְס אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן זַיין פְּסַק.

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל–ב, פְּרָקִים יב–יג), וֶוען נָתָן הַנָּבִיא הָאט אִים פַּארְצֵיילְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין אַ שְׁטָאט אַן עוֹשֶׁר וָואס הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ שָׁאף אוּן רִינְדֶער, ווידֶער אִיז גֶעוֶוען אַן אָרִימַאן וָואס הָאט נָאר גֶעהַאט נֶעבֶּעךְ אֵיין קְלֵיינֶע שֶׁעפְּסֶעלֶע, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין גַאנְצֶע חַיוּת, מִיט דִי שֶׁעפְּסֶעלֶע אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן מִיט דִי שֶׁעפְּסֶעלֶע אִיז עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אֵיינְמָאל אִיז צוּם עוֹשֶׁר גֶעקוּמֶען אַ גַאסְט, דֶער עוֹשֶׁר הָאט גֶעשׁוֹינְט צוּ נֶעמֶען פוּן זַיינֶע שָׁאף, הָאט עֶר צוּגֶענוּמֶען פוּנֶעם אָרִימַאן זַיין אֵיינְצִיגְן שֶׁעפְּסֶעלֶע אוּן עֶס גֶע׳שָׁחְטְ׳ן ; ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר זֵייעֶר

אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעזָאגְט אַז דֶער עוֹשֶׁר זָאל דֶערְפַאר בַּאצָאלְן פִיר שָׁאף! הָאט אִים נָתָן הַנָּבִיא גֶעזָאגְט: דוּ וֶועסְט יֶעצְט בַּאצָאלְן מִיט פִיר קִינְדֶער! אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, אֵיין קִינְד אִיז אִים גֶעשְׁטָארְבְּן, פוּן אַמְנוֹן אוּן תָּמָר הָאט עֶר גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע בִּזְיוֹנוֹת, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן זַיין זוּהְן אַבְשָׁלוֹם הָאט עֶר גֶעהַאט דִי גְרֶעסְטֶע צַעַר אוּן בִּזָיוֹן וָואס מֶען קֶען נָאר הָאבְּן, אַז עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַקֶעגְן אִים רַחֲמָנָא לִצְלָן, דָאס זָאגְט דִי מִשְׁנָה: "וְנִפְרָעִין מִן הָאָדָם מִדַעְתּוֹ", מֶען בַּאשְׁטְרָאפְט אַ מֶענְטְשׁ לוֹיט זַיין וִויסְן אוּן לוֹיט זַיין אֵייגֶענֶעם פְּסַק, אָבֶער דָאךְ "שֶׁלֹּא מִדַעְתּוֹ", עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶר אִיז דֶעמָאלְטְס זִיךְ אַלֵיינְס דַן; דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט דַן זַיין אַ צְוֵוייטְן, אָפְּגֶערֶעדְט אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאל מֶען אִינְגַאנְצְן נִישְׁט רֶעדְן קֵיין אִיבְּרִיגֶע וֶוערְטֶער.

## י.

### פַארְוָואס פָאר אִיךְ אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה?

אַזוֹי וִוי מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס הִילְף צוּ פָארְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה, צוּ פּוֹעֵלְ'ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, דַארְף מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וִויסְן, אַז דִי סִבָּה פַארְוָואס מֶען גֵייט קֵיין אוּמַאן, אִיז נָאר וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תו): מֶען פְרֶעגְט דָאךְ אוֹיף מִיר סֵיי וִוי אַסַאךְ קֻשְׁיוֹת, וֶועט זַיין נָאךְ אַ קַשְׁיָא, פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ אַזוֹי מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר רֹאשׁ הַשָׁנָה, אָבֶּער מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָׁנָה, דֶעמָאלְטְס דַארְף יֶעדֶער זַיין, קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן. אַוַודַאי קוּמְט עֶס פַאר יֶעדְן אָן שְׁוֶוער, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַן אַנְדֶערְן תֵּירוּץ פַארְוָואס נִישְׁט צוּ גֵיין, [גְלֵייבְּט מִיר וֶוען נִישְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאל בֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים, וָואלְט

אִיךְ גֶעוֶועןן דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס וָואלְט נִישְׁט גֶעפָּארְן... אַזוֹי בִּיטֶער שְׁוֶוער קוּמְט מִיר דָאס אָן וְכוּ׳ וְכוּ׳], נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵרוּשׁ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קצב) אַז דִי פָּנִים שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּן אַ צַדִיק, קֶען מֶען טְרֶעפְן אִין זַיין סֵפֶר. נָאךְ מֶער שְׁטֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד בַּעַל מְאוֹר עֵינַיִם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (יִשְׂמַח לֵב עַל מַסֶכֶת שַׁבָּת), אַז אוֹיפְן סֵפֶר פוּן אַ צַדִיק קֶען מֶען זִיךְ גֶעהֶערִיג מִשְׁתַּטֵחַ זַיין אוּן אוֹיסְפּוֹעֶלְ׳ן אַלֶעס גוּטְס! אוֹיבּ אַזוֹי וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט בָּרוּךְ הַשֵׁם זִיצְן אוּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אִינְדֶערְהֵיים אוּן זִיךְ אַזוֹי מְקַשֵׁר זַיין צוּ אִים, אָבֶער וִויבַּאלְד דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים, קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן מֶען פָּארְט.

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ דַארְף מֶען וִויסְן וֶוען מֶען גֵייט שׁוֹין יָא אוֹיף אוּמַאן, נִישְׁט צוּ וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג אַזַא צַאמְלוֹיף פוּן אַלֶע סָארְטְן מֶענְטְשְׁן, אַסַאךְ מָאל פַּאלְט מֶען

אַרַיין אִין אַ חֲלִישׁוּת הַדַעַת: קוּק אָן וֶועֶר עֶס קוּמְט אַלְץ, אוּן וִוי אַזוֹי עֶס קוּקְט דָארְט אוֹיס?! דֶערְפַאר דַארְף מֶען ווִיסְן אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁפִּיטָאל, וֶוען אֵיינֶער גֵייט אִין שְׁפִּיטָאל זִיךְ אוּנְטֶערְזוּכְן אָדֶער זִיךְ הֵיילְן פוּן זַיין סְפֶּעצִיפִישֶׁע מַחְלָה, וֶועט עֶר דָארְט טְרֶעפְן אַלֶע סָארְטְן קְרַאנְקֶע מִיט אַלֶע מִינֵי מַחֲלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים רַחֲמָנָא לִצְלָן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר וֶועט נִישְׁט צוּלִיבּ דֶעם אִיבֶּערְלָאזְן דֶעם שְׁפִּיטָאל אוּמְגֶעהֵיילְט, נָאר עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט צוּטוּהן מַאכְן פוּן אַנְדֶערֶע קְרַאנְקֶע, "דֶער עִקָר מֶען הֵיילְט מִיךְ אוֹיס מַיין פְּרָאבְּלֶעם - מֶער אִינְטֶערְסִירְט מִיר נִישְׁט!" דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, מֶען דַארְף נָאר קוּקְן אוֹיף זִיךְ, אִיךְ בִּין דָא גֶעקוּמֶען וַוייל רֹאשׁ הַשָׁנָה אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט גֶעשֶׁעהן מִיט אִים אַגַאנְץ יָאר, אוּן וֶוער וֵוייסְט וָואס מֶען וֶועט מִיר מִשְׁפָּטְ׳ן, אוּן דָא אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס הָאט אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל צוּ אִים קוּמֶען, אוּן עֶר הָאט פַארְלַאנְגְט אַז מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז, אַז וֶוער עֶס גְלֵייבְּט זָאל קוּמֶען צוּ אִים

אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר וֶועט יֶעדְן דַן זַיין לְכַף זְכוּת (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָנִים תג-תו). דֶערְפַאר אִיז מֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אָבֶּער מֶער פוּן דֶעם דַארְף מִיר גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן, נִישְׁט קֵיין חִילוּק צוּ זֵיי טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, דָאס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר, אִיךְ דַארְף קֵיינֶעם נִישְׁט אֲפִילוּ אָנְקוּקְן, בִּכְלָל דַארְף מֶען נִישְׁט קוּקְן מִיט אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג אוֹיף יֶענֶעם, הַלְוַואי זָאל מֶען קוּקְן נָאר אוֹיף זִיךְ, אוּן זִיךְ אַלֵיין קֶענֶען הֶעלְפְן.

מֶען רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט וָואס פְרֶעמְדֶע מַאכְן לֵיצָנוּת, כְּאִלוּ אַז מֶען קוּמְט זִיךְ צַאם אִין אוּמַאן פַאר אַלֶע הוּלְטַייעֶן אוּן צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם, דָאס אִיז סְתַם לֵיצָנוּת, וַוייל צוּלִיבּ דֶעם הָאט מֶען נִישְׁט גֶעדַארְפְט קוּמֶען צוּ פָארְן בִּיז אוּמַאן... דֶער בָּחוּר'ל קוּמְט קַיין אוּמַאן וַוייל עֶפֶּעס שְׁטוּפְּט אִים אַהִין, כָאטְשִׁיג וִוי אַזוֹי עֶר קוּקְט נָאר אוֹיס אַגַאנְץ יָאר, אָבֶּער דָאךְ זָאגְט אִים זַיין נְשָׁמָה אַז אִין אוּמַאן הָאט עֶר נָאךְ עֶפֶּעס אַ תַּקָנָה, דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע סִבָּה

פַארְוָואס עֶר קוּמְט, נָאר דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם יִמַח שְׁמוֹ פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע מִינֵי טְרִיקֶס צוּרִיק צוּ הַאלְטְן מֶענְטְשְׁן פוּן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, טְרֶעפְט עֶר שׁוֹין אַלֶע מִינֵי תֵּירוּצִים אוֹיף דֶעם, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זַיין שְׁטַארְק נִישְׁט זִיךְ צוּטוּהן מַאכְן פוּן גָארְנִישְׁט.

נָאכְדֶעם דַארְף מֶען וויסְן, וְויבַּאלְד דֶער קִיבּוּץ וַואקְסְט מֶער אוּן מֶער, וָואס פַארְאוּרְזַאכְט גְרוֹיסֶע שְׁוֶועריִקַייטְן צוּ צוּקוּמֶען צוּם קֶבֶר, אוּן דֶער גֶעדְרֶענְג וֶוערְט נָאר גְרֶעסֶער פוּן יָאר צוּ יָאר, דַארְף מֶען וויסְן אַז מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט שְׁטוּפְּן, נָאר אֲפִילוּ וֶוען מֶען שְׁטֵייט פוּן דֶערְוַוייטֶענְס קֶען מֶען אוֹיךְ זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּהְן: אֲפִילוּ אִין אַ צַייט וָואס דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּם צִיוֹן, זָאלְסְטוּ שְׁטֵיין פוּן דֶערְוַוייטְנְס פוּן וואוּ דוּ וֶועסְט זֶעהְן דֶעם צִיוֹן, אוּן פוּן דָארְטְן זָאלְסְטוּ זָאגְן דֶעם תִּקוּן הַכְּלָלִי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַז דָאס יָאר זָאל זַיין אַ שְׁנַת גְאוּלָה וִישׁוּעָה אוּן מֶען זָאל שׁוֹין אוֹיסְגְלַייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת, אוּן דֶער עִקַר אַז אִין דֶעם לֶעצְטְן שַׁבָּת נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ זָאל מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן פַארְרֶעכְטֶן אַלֶע שַׁבָּתִים בִּיז יֶעצְט, אוּן מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ שַׁבָּת דְכִלְהוּ יוֹמָא עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין שַׁבָּת.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

~ ~ ~

בס"ד

# פריילכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בלום




יעדן וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
$3.99

תוכנ'דיג און
ציענדיג

וואס איר וועט נישט
טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט
אייך אליין

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

718-387-2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 • DESIGN | 845.406.4250